**MAIMONIDES MEDICAL CENTER**

קאוד: 028-FIN (ווידער ארויסגעגעבן)
דאטום: מאי 4, 2018
ארויסגעגעבן צוערשט: מערץ 21, 2005

**טעמע: פינאנציעלע הילף פאליסי**

## I. פאליסי

מיימאנידעס מעדיקל צענטער ("מיימאנידעס" אדער די "שפיטאל") שטרעבט צוצושטעלן הויכע קוואליטעט געזונטהייט באהאנדלונג סערוויסעס פאר יעדן פאציענט וואס קומט צו איינע פון אונזערע פאסיליטיס, אפגעזען פון זייער פעאיגקייט צו באצאלן. די פינאנציעלע הילף פאליסי ("FAP" אדער "פאליסי") פעדעמט איין מיימאנידעס'ס פינאנציעלע הילף פראגראם, דורך וועלכן פאציענטן וועלכע פארמאגן נישט קיין אינשורענס דעקונג, האבן אויסגענוצט זייער העלטה אינשורענס בענעפיטן, און ווערן באשטימט אלס בארעכטיגט פאר פינאנציעלע הילף אין איינקלאנג מיט די פאליסי קענען באקומען אומזיסטע אדער ביליגערע עמערדזשענסי און אנדערע מעדיצינישע נויטיגע באהאנדלונג.

## II. צוטריט צו אינפארמאציע

מיימאנידעס טוט ברייט פארעפנטליכן איר FAP אין איינקלאנג מיט די פאליסי.

מיימאנידעס מאכט דעם FAP, די FAP אפליקאציע בויגן און אן איבערזיכט פונעם FAP ("איינפאכע שפראך איבערזיכט") צוטריטליך אויף א באשטימטן פינאנציעלע הילף בלאט אויף מיימאנידעס'ס וועבזייטל (http://www.maimonidesmed.org/main/FinancialInformation.aspx). פאפירענע קאפיעס פון די דאקומענטן זענען גרייט אויפן פארלאנג און אן קיין אפצאל, דורך פאסט און ביי עפנטליכע ערטער אינעם שפיטאל, אריינגערעכנט דעם עמערדזשענסי רום, אדמישאן ערטער און ערטער פון פאציענט סערוויס.

מיימאנידעס מעלדט און אינפארמירט שפיטאל פאציענטן איבער דעם FAP דורך: אנבאטן אן אומזיסטע פאפירענע קאפיע פונעם איינפאכן שפראך איבערזיכט אלס טייל פון אינטעיק און רעגיסטראציע; אריינגערעכנט א שריפטליכע מעלדונג אויף בילינג סטעיטמענטס וועלכע אינפארמירן איבער דאס גרייטקייט פון פינאנציעלע הילף אונטער די FAP און ענטהאלט דעם טעלעפאן נומער פונעם שפיטאל'ס פינאנציעלע סערוויסעס אפטיילונג און די דירעקטע וועבזייטל אדרעס וואו מען קען באקומען קאפיעס פון די FAP, FAP אפליקאציע בויגן און איינפאכע שפראך איבערזיכט; און מערקבארע עפנטליכע שילדן וועלכע אינפארמירן פאציענטן איבער די FAP אין עפנטליכע ערטער אינעם שפיטאל, אריינגערעכנט דעם עמערדזשענסי רום, אדמישאן ערטער און ערטער פון פאציענט סערוויס. מען וועט מעלדן פאר פאציענטן איבער מיימאנידעס'ס FAP דורך פיל-שפראכיגע שילדן.

אין צוגאב, וועט די FAP, FAP אפליקאציע בויגן און איינפאכע שפראך איבערזיכט ווערן איבערגעזעצט צו די הויפט שפראכן וועלכע ווערן גערעדט דורך די באפעלקערונג מיט באגרעניצטע ענגליש באקאנטשאפט (LEP) וועלכע די שפיטאל סערווירט יעדעס יאר, אריינגערעכנט דעם שפראך וואס ווערט גערעדט דורך יעדע LEP שפראך גרופע וואס שטעלט צונויף ווייניגער ווי

1,000 מענטשן אדער 5 פראצענט פון די קאמיוניטי וואס די שפיטאל סערווירט אדער די באפעלקערונג וואס איז אממערסטנס אויסגעשטעלט צו ווערן באווירקט אדער באגעגנט דורכ'ן שפיטאל. מיימאנידעס וועט אויך מעלדן און אינפארמירן מיטגלידער פון די געמיינדע וואס די שפיטאל סערווירט אז זי אפפערט פינאנציעלע הילף אונטער אן FAP, און וואו צו באקומען מער אינפארמאציע און דאקומענטן פארבינדן צום FAP, אויף אן אופן וואס געמיינדע מיטגלידער קענען פארשטיין (אריינגערעכנט איבערזעצונגען צו די באטרעפנדע שפראכן).

מען וועט צושטעלן פאר פאציענטן מיט ספעציפישע אנפראגעס איבער פינאנציעלע הילף די איינפאכע שפראך איבערזיכט, זיי אינפארמירן איבער די פארבינדענע אינפארמאציע אויף די מיימאנידעס מעדיקל סענטער וועבזייטל, און רעפערירן צו א פינאנציעלע ראטגעבער. אין פאל א מענטש דייט אן אז ער\זי וויל ענדערש באקומען דאקומענטן אדער אינפארמאציע וועגן די FAP עלעקטראניש, וועט מיימאנידעס קענען צושטעלן אזעלכע דאקומענטן אדער אינפארמאציע עלעקטראניש (אריינגערעכנט אויף אן עלעקטראנישן סקרין, דורך אימעיל אדער דורך צושטעלן דעם דירעקטן וועבזייטל אדרעס אדער URL, פונעם וועב בלאט וואו דער דאקומענט אדער אינפארמאציע איז ארויפגעשטעלט.)

## III. פינאנציעלע הילף

### א. בארעכטיגונג

מענטשן וואס קומען נאך די פאלגדע קריטעריע זענען בארעכטיגט פאר אומזיסטע אדער ביליגערע באהאנדלונג אונטער די פאליסי:

פאר מעדיציניש נויטיגע נישט-עמערדזשענסי סערוויסעס, נידריגע איינקונפט איינוואוינער פון די פינף באראָ'ס פון ניו יארק סיטי (קינגס, ניו יארק, קווינס, ריטשמאנד און בראנקס קאונטיס) וועלכע האבן נישט קיין אינשורענס אדער וועלכע האבן אויסגענוצט זייערע העלטה אינשורענס בענעפיטן זענען בארעכטיגט פאר פינאנציעלע הילף.

פאר עמערדזשענסי סערוויסעס, נידריגע איינקונפט איינוואוינער פון ניו יארק סטעיט וועלכע האבן נישט קיין אינשורענס אדער וועלכע האבן אויסגענוצט זייערע העלטה אינשורענס בענעפיטן זענען בארעכטיגט.

די מאקסימום פרייז וואס מעג גערעכנט ווערן פון א פאציענט וועלכע באקומט עמערדזשענסי אדער אנדערע מעדיציניש נויטיגע באהאנדלונג ביים שפיטאל, און איז בארעכטיגט פאר פינאנציעלע הילף אונטער די פאליסי איז באקאנט אלס אלגעמיין גערעכנטער סכום ("AGB"). מיימאנידעס שטעלט די AGB ביים סך הכל סכום וואס מעדיקעיד וואלט ערלויבט (פאר אינפעישאנט קעיר) און די סך הכל סכום וואס מעדיקעיר וואלט ערלויבט (פאר אוטפעישאנט אמביולעטארי כירורגיע, קליניק, עמערדזשענסי אפטיילונג, רעפערד עמביולעטארי און צוגאב סערוויסעס). לויט די הנחה רעכענונגען וואס ווערן געשילדערט אין די ביילאגעס א' און ב', זענען די הנחות וואס ווערן געאפפערט פאר FAP בארעכטיגטע פאציענטן אונטער די FAP ווייניגער אדער די זעלבע ווי די AGB. נאכפאלגנדיג א באשטימונג פון FAP בארעכטיגונג, מעג א FAP-בארעכטיגטער מענטש נישט גערעכנט ווערן מער ווי די AGB פאר מעדיציניש נויטיגע אדער עמערדזשענסי קעיר.

פינאנציעלע באדינגונגען פאר בארעכטיגונג און הנחות אונטער די FAP ווערן ווייטער געשילדערט אונטן און אין ביילאגעס א' און ב'. **פאציענטן מיט איינקונפטן אונטער 300% פון די פעדעראלע ארימקייט שטאפל זענען ווארשיינליך בארעכטיגט פאר הילף אונטער די FAP, באזירט אויף**

**אינפארמאציע וואס ווערט געשילדערט אין חלק III.ד, אונטן**. נאך א באדינגונג פאר בארעכטיגונג איז אז פאציענטן (און פאר פאציענטן וועלכע זענען מינדעריעריג, זייערע עלטערן און\אדער לעגאלע גארדיען\ס) שטעלן צו די נויטיגע דאקומענטן פאר די פינאנציעלע הילף אפליקאציע, און ארבעטן פולשטענדיג מיט אין אלע זאכן מיט די שטאב וואס העלפט זיי אינעם פראצעדור.

אויף ווי ווייט פאציענטן זענען בארעכטיגט פאר א פובליק גע'ספאנסער'טע אינשורענס פראגראם (צ.ב. Medicaid, Child Health Plus (“CHP”), Prenatal Care Assistance Program), מוזן פאציענטן אויסנוצן יענעם פראגראם פאר דעקונג פון זייער באהאנדלונג ענדערש ווי די מיימאנידעס פינאנציעלע הילף פראגראם. פאציענטן וועלכע זוכן פינאנציעלע הילף (און פאר פאציענטן וועלכע זענען מינדעריעריג, זייערע עלטערן און\אדער לעגאלע גארדיען\ס) מוזן צושטעלן אלע אינפארמאציע און דאקומענטן וואס פארלאנגען זיך כדי צו באשטימען בארעכטיגונג פאר א פובליק גע'ספאנסער'טע אינשורענס פראגראם צום שפיטאל. איינמאל א פאציענט האט זיך איינגעגעבן פאר דעקונג אונטער א פובליק גע'ספאנסער'טע אינשורענס פראגראם, וועט ער אדער זי זיין בארעכטיגט פאר פינאנציעלע הילף פון מיימאנידעס ביז צום דאטום אויף וועלכן דער פאציענט ווערט באשטימט אלס געדעקט דורך דעם אנדערן פראגראם, אזוי לאנג ווי ער אדער זי איז אויף אן אנדערן אופן בארעכטיגט פאר פינאנציעלע הילף.

פינאנציעלע הילף קען ווערן געמאכט אוועילעבל, לויט ווי באשטימט ביי יעדן פאל באזונדער, פאר פאציענטן וועלכע קומען נישט נאך די פינאנציעלע בארעכטיגונג באדינגונגען אבער דארפן זיך ספראווען מיט אויסערארדנטליכע מעדיצינישע קאסטן. פארלאנגען פאר פינאנציעלע הילף אין די אומשטענדן וועלן געוואנדן ווערן צום פינאנציעלע סערוויסעס אפטיילונג אויף 983 48th Street, Brooklyn, NY 11219, (718) 283-7790.

פאציענטן מיט HMO\קאמערציאלע אינשורענס וואס ווערט נישט אנגענומען דורך מיימאנידעס מעדיקל צענטער זענען נישט בארעכטיגט פאר פינאנציעלע הילף, סיידן דער פאציענט האט אויסגענוצט זייערע אינשורענס בענעפיטן.

פאציענטן וועלן זיין אומבארעכטיגט פאר פינאנציעלע הילף אויב די פינאנציעלע סערוויסעס אפטיילונג באשטימט אז פאלשע אינפארמאציע איז צוגעשטעלט געווארן דורך דעם פאציענט (אדער פאר פאציענטן וועלכע זענען מינדעריעריג, זייערע עלטערן און\אדער לעגאלע גארדיען\ס) דורכאויס די אפליקאציע פראצעדור.

**ב. געדעקטע סערוויסעס**

מיימאנידעס' פינאנציעלע הילף פראגראם דעקט עמערדזשענסי און אנדערע מעדיציניש נויטיגע סערוויסעס ביי מיימאנידעס מעדיקל צענטער. מעדיקעיר אנווייזונגען ווערן גענוצט צו באשטימען אויב סערוויסעס זענען מעדיציניש נויטיג. צוגאב סערוויסעס וועלכע ווערן באשטעלט אין פארבינדונג מיט קליניק באזוכן וועלן גערעכנט ווערן ביים סליידינג סקעיל פראצענט ראטע וואס באציט זיך צו יענעם קליניק באזוך.

די פאלגנדע זענען נישט געדעקט אונטער די פאליסי:

- זאכן וועלכע זענען נישט מעדיציניש נויטיג (צ.ב. קאסמעטישע פראצעדורן);
- זאכן אן קיין קלינישע אדער טעראפיוטישע טובה (צ.ב. טעלעפאנען, טעלעוויזיעס, און פריוואטע צימער אונטערשיד קאסטן);

- סערוויסעס וועלכע ווערן נישט געדעקט דורך די שפיטאל (צ.ב. אנעסטידזשע סערוויסעס און פראפעסיאנאלע סערוויסעס דורך דאקטוירים און אומאפהענגיגע קאנטראקטער, אזוי ווי פריוואטע אמט נורסעס, היים קעיר סערוויסעס, און אמביולעט סערוויסעס), חוץ סערוויסעס וועלכע ווערן צוגעשטעלט דורך באדייטנד פארבינדענע איינהייטן פונעם שפיטאל, אזוי ווי דער טערמין ווערט אויסגעטייטשט אונטער די פעדעראלע רעגולאציעס; און
- קאפעימענטס און דידאקטיבלס.

פאציענטן וועלכע קוואליפיצירן פאר עמערדזשענסי מעדיקעיד אלס אינפעישאנטס ביי מיימאנידעס זענען בארעכטיגט פאר איין נאך-אפעראציע קליניק באזוך אן קיין אפצאל און סיי וועלכע פארבינדענע צוגאב סערוויסעס אינערהאלב 90 טעג פונעם אפעראציע, און עס פארלאנגט זיך נישט אויסצופולן די דאקומענטאציע פארלאנג כדי צו זיין בארעכטיגט פאר יענעם באזוך.

פאציענטן וועמען מען באהאנדלט אינעם עמערדזשענסי רום אבער ווערן נישט רעגיסטרירט אלס אינפעישאנטס זענען בארעכטיגט פאר איין נאכפאלגנדע קליניק באזוך אן קיין אפצאל פאר די ספעציפישע צושטאנד וואס האט זיי געברענגט צום עמערדזשענסי רום, און עס פארלאנגט זיך נישט אויסצופולן די דאקומענטאציע פארלאנג כדי צו זיין בארעכטיגט פאר יענעם באזוך.

אוטפעישאנט גייסטיגע געזונטהייט סערוויסעס זענען געדעקט אונטער 29-FIN, "אוטפעישאנט מענטל העלטה סערוויסעס פינאנציעלע הילף פאליסי", און נישט אונטער די פאליסי. אינפעישאנט גייסטיגע געזונטהייט סערוויסעס און פארבינדענע צוגאב סערוויסעס ווערן געדעקט אונטער די פאליסי.

ביילאגע ג' צו די פאליסי רעכנט אויס פראוויידערס וועלכע שטעלן צו עמערדזשענסי אדער אנדערע מעדיציניש נויטיגע באהאנדלונג אינעם שפיטאל וועלכע זענען געדעקט אונטער די FAP, און די וועלכע זענען נישט געדעקט אונטער די FAP.

**ג. אלגעמיינע אפליקאציע פראצעדורן**

צו באקומען הילף מיט די FAP אפליקאציע פראצעדור, איינגעבן פאר פינאנציעלע הילף אונטער די FAP, אדער באקומען נאך אינפארמאציע איבער די FAP, קען מען זיך פארבינדן מיטן שפיטאל'ס פינאנציעלע סערוויסעס אפטיילונג אויף 283-7790 (718), וואס געפונט זיך אויף 983 48th Street, Brooklyn, NY 11219.

יעדער וואס פארלאנגט פינאנציעלע הילף וועט רעפערירט ווערן צו א פינאנציעלע ראטגעבער פאר סקרינינג. דער פינאנציעלע ראטגעבער וועט:

א. איבערשמועסן פארשידענע אלטערנאטיוון וועלכע זענען גרייט פארן פאציענט (צ.ב. פובליק גע'ספאנסער'טע אינשורענס פראגראמען, באצאלונג אראנדזשירונגען, הנחה פרייזן, סליידינג סקעילס, אומזיסטע באהאנדלונג) באזירט אויף די ערהאלטענע אינפארמאציע.

ב. אין פאסיגע אומשטענדן, (א) אויספולן א מעדיקעיד אפליקאציע און עס ארייננגעבן צו די לאקאלע אפטיילונג פון סאשעל סערוויסעס אין נאמען פונעם פאציענט; אדער (ב) רעפערירן דעם פאציענט צו די פאסיגע לאקאלע מעדיקעיד אפיס אויסצופולן א CHP אפליקאציע.

ג. אפשאצן אויב דער פאציענט קען זיין בארעכטיגט פאר נאך הנחות אדער געלטער וועלכע קענען זיין גרייט דורך ספעציעלע גרענטס אדער פראגראמען ביי מיימאנידעס מעדיקל צענטער באזונדער פון די אלגעמיינע פינאנציעלע הילף פראגראם.

ד. אויב פאסיג, צושטעלן א פינאנציעלע הילף אפליקאציע פארן אפליקאנט אויסצופולן. אויפן פארלאנג, וועט דער פינאנציעלער ראטגעבער צושטעלן הילף פאר פאציענטן מיטן פארשטיין די פינאנציעלע הילף פאליסיס און אויספולן די אפליקאציע אין זייער נאמען דורכאויס א פנים-צו-פנים אינטערוויו.

FAP אפליקאציע בויגנס וועלן ווערן איבערגעזעצט, אין איינקלאנג מיט חלק II אויבן. אין צוגאב, וועלן איבערזעצונג סערוויסעס זיין גרייט פאר אלע פאציענטן וועלכע דארפן אזעלכע סערוויסעס כדי צוצוקומען צו פינאנציעלע הילף ביים שפיטאל. די שטאב וועט ערהאלטן איבערזעצונג סערוויס אין איינקלאנג מיט די AD-120 Translation and Interpreter Services.

די אפליקאציע בויגנס וועלן אנטהאלטן א מעלדונג פאר פאציענטן אז ביים אריינגעבן אן אויסגעפולטע אפליקאציע, אריינגערעכנט סיי וועלכע אינפארמאציע און דאקומענטן וואס פארלאנגען זיך כדי צו באשטימען א פאציענט'ס בארעכטיגונג אונטער די פאליסי, מעג דער פאציענט איגנארירן סיי וועלכע בילס ביז וואן דער שפיטאל האט געפאסט א באשלוס איבער די אפליקאציע.

פאציענטן ווערן ערלויבט איינצוגעבן פאר פינאנציעלע הילף ביז אמוייניגסטנס 240 טעג פונעם דאטום וואס דער ערשטער ביל נאכן ווערן אויסגעשריבן ווערט צוגעשטעלט. (זעט 55-FIN, בילינג און איינקאסירונג פאליסי פאר מער אינפארמאציע איבער אפליקאציע תקופות). פארלאנגען מוותר צו זיין אויף די פאדערונגען קענען געווענדן ווערן צום סיניער וויצע פרעזידענט פון פינאנץ פאר איבערזיכט.

**ד. בארעכטיגונג באדינגונגען פאר פינאנציעלע הילף**

**1. בארעכטיגונג באשטימונג פראצעדורן**

באשטימונגען פון בארעכטיגונג וועלן געמאכט ווערן דורך די פינאנציעלע סערוויסעס אפטיילונג. ווי געשילדערט ווייטער אונטן ביי חלק III.ד.2, וועט בארעכטיגונג זיין באזירט אויף די פאלגנדע אינפארמאציע:

- וואוינארט
- יערליכע, בעפאר-שטייער איינקונפט
- ליקוויד פארמעגנס, און
- פאמיליע מאס.

אינפארמאציע וואס ווערט צוגעשטעלט אינעם פאציענט'ס אפליקאציע פאר א פובליק גע'ספאנסער'טע אינשורענס פראגראם וועט גענוצט ווען צו באקומען די אינפארמאציע. אויב ס'איז נישט פארהאן אזא אפליקאציע, אדער איז געמאכט געווארן גרייט, מוז די נויטיגע אינפארמאציע פאר פינאנציעלע הילף באשטימונגען ווערן צוגעשטעלט דורכן פאציענט. אויב סיי וועלכע פארלאנגטע אינפארמאציע פעלט, וועלן פאציענטן געמאלדן ווערן דערוועגן דורכן טעלעפאן אדער פאסט.

**2. איינקונפט און ליקוויד פארמעגנס טעסטן**

ביילאגע א' צו די פאליסי, "סליידינג סקעיל אפצאל הנחה טאוול פאר אינפעישאנט סערוויסעס," שטעלט אוועק די הנחות פאר געדעקטע אינפעישאנט סערוויסעס. ביילאגע ב', "סליידינג סקעיל אפצאל הנחה טאוול פאר אמביולעטארי כירורגיע,קליניק, עמערדזשענסי אפטיילונג, רעפערד עמביולעטארי און צוגאב סערוויסעס," שטעלט אוועק די הנחות פאר געדעקטע אוטפעישאנט, קליניק, עמערדזשענסי, עמביולעטארי, און צוגאב סערוויסעס.

יעדע ביילאגע שטעלט אוועק צוויי טעסטן: אן איינקונפט טעסט און א ליקוויד פארמעגן טעסט:

- דער *איינקונפט טעסט* ווערט אויסגערעכנט דורכן פארגלייכן דעם פאציענט'ס "פאמיליע מאס" מיט זיין אדער איר פאמיליע'ס יערליכע, בעפאר-*שטייער* איינקונפט.
- פאמיליע מאס. אויב דער פאציענט איז אן ערוואקסענער, ווערט דעם פאציענט'ס פאמיליע מאס אויסגערעכנט דורכן צוזאמרעכענען דער פאציענט, דער פאציענט'ס מאן\ווייב (אויב בכלל און אויב ער\זי וואוינט אינאיינעם מיטן פאציענט) און סיי וועלכע דעפענדענטס פונעם פאציענט אדער דער פאציענט'ס מאן\ווייב. אויב דער פאציענט איז א קינד, ווערט דער פאציענט'ס פאמיליע מאס אויסגערעכנט דורכן צוזאמרעכענען דעם פאציענט, דעם פאציענט'ס טאטע\מאמע און\אדער לעגאלע גארדיען\ס מיט וועמען דער פאציענט וואוינט, און סיי וועלכע דעפענדענטס פונעם פאציענט'ס טאטע\מאמע און\אדער לעגאלע גארדיען\ס מיט וועמען דער פאציענט וואוינט (חוץ דעם פאציענט). א שוואנגערדיגע פרוי ווערט פאררעכנט אלס צוויי פאמיליע מיטגלידער.
- יערליכע בעפאר-*שטייער* איינקונפט. אויב דער פאציענט איז אן ערוואקסענער, איז די פאמיליע'ס יערליכער בעפאר-*שטייער* איינקונפט דער צאל פונעם פאציענט'ס און דער פאציענט'ס מאן\ווייב (אויב בכלל און אויב ער\זי וואוינט אינאיינעם מיטן פאציענט) איינקונפט. אויב דער פאציענט איז א קינד, איז די פאמיליע'ס יערליכער בעפאר-*שטייער* איינקונפט דער איינקונפט פונעם פאציענט'ס טאטע\מאמע און\אדער לעגאלע גארדיען\ס מיט וועמען דער פאציענט וואוינט. איינקונפט איז באזירט אויף די רעכענונג פון די לעצטע פיר וואכן פארדינסטן איידער דעם דאטום פון סערוויס.
- יערליכע, בעפאר-*שטייער* איינקונפט וועט זיין די סך הכל פון די פאלגנדע קוועלער פון איינקונפט, ווי אויפגעוויזן דורך די דאקומענטן וועלכע ווערן פארלאנגט אויף די FAP אפליקאציע:

1. געהאלט איידער דידאקשאנס.
2. סאשעל סעקיוריטי בענעפיטן.
3. אנעמפלוימענט און ווארקמענ'ס קאמפענסעישאן.
4. וועטעראנ'ס בענעפיט.
5. אלימאני\טשיילד סופארט.
6. אנדערע געלט שטיצע.
7. פענסיע צאלונגען.
8. אינשורענס אדער עניואיטי צאלונגען.
9. דיווידענדס\פראצענטן.
10. רענטל איינקונפט.

11. נעט ביזנעס איינקונפט (זעלבסט-באשעפטיגט\באשטעטיגט דורך אומאפהענגיגע קוואל).
12. אנדערע (סטרייק בענעפיטן, טרענירונג סטיפענדס, מיליטערישע פאמיליע טיילונגען, איינקונפט פון ירושות און טראסטס).

קוואל פון איינקונפט זאל אויסגערעכנט ווערן דורכן צוזאמרעכענען סכומים וואס זענען טאקע ערהאלטן געווארן, אין קעגנזאץ צו סכומים צו וועלכע דער מענטש קען זיין בארעכטיגט אבער ווערן אים אדער איר נישט געצאלט (צ.ב. ווען דער געוועזענער מאן\ווייב פון א פאציענט פארפעלט צו באצאלן טשיילד סופארט, אינשורענס אדער פענסיע צאלונגען זענען אומגעשליכטעט).

- יעדע פאציענט'ס *ליקוויד פארמעגנס* וועלן ווערן אויסגערעכנט באזירט אויף די סך הכל ווערט פונעם פאציענט'ס און זיין אדער איר מאן\ווייב'ס פארמעגנס (סיי אויב געהאלטן באזונדער אדער אינאיינעם). אויב דער פאציענט איז א מינדעריעריגער, וועט דער פאציענט'ס ליקוויד פארמעגנס ווערן אויסגערעכנט באזירט אויף די סך הכל ווערט פון די פארמעגנס וואס ווערן געהאלטן דורך דעם פאציענט'ס עלטערן און\אדער לעגאלער גארדיען\ס מיט וועמען דער פאציענט וואוינט. די סארט פארמעגנס וועלכע וועלן גענומען ווערן אין באטראכט רעכענען אריין קעש; סעיווינגס קאנטעס; טשעקינג קאנטעס; סערטיפיקאטן פון דעפאזיט; ווערד אין ריעל עסטעיט (חוץ פון הויפט וואוינארט); און אנדערע פארמעגנס (טרעדזשורי בילס, נעגאשיעבל פעיפער, קאפארעיט סטאקס און באנדס). די פארמעגן טעסט וועט נישט נעמען אין באטראכט דעם פאציענט'ס הויפט וואוינארט, פארמעגנס וועלכע ווערן געהאלטן אין א שטייער-דעפערד אדער ענליכע ריטייערמענט סעיווינגס קאנטע, קאלעדזש סעיווינגס קאנטעס, אדער קארס וועלכע ווערן רעגלמעסיג גענוצט דורך א פאציענט אדער נאנטע פאמיליע מיטגלידער.

  א פאציענט מיט ליקוויד פארמעגנס מיט א סך הכל פון צוויי מאל די סכום פון די ריסאורס שטאפלען וועלכע ווערן ערלויבט דורך מעדיקעיד וועט באטראכט ווערן צו האבן *"באדייטנדע ליקוויד פארמעגנס"*. **אויב דער פאציענט האט באדייטנדע ליקוויד פארמעגנס, וועט די מאס פון הילף פארן פאציענט זיין די <u>קלענערע</u> פון די הנחה פאר וועלכן דער פאציענט אז בארעכטיגט אונטער די איינקונפט טעסט און די ליקוויד פארמעגנס טעסט.** צום ביישפיל, אויב א פאציענט איז בארעכטיגט פאר א 50% הנחה אונטער די איינקונפט טעסט און א 25% הנחה אונטער די ליקוויד פארמעגנס טעסט, וועט די 25% הנחה זיין גילטיג. אויב דער מענטש איז בארעכטיגט פאר פינאנציעלע הילף אונטער אדער דעם איינקונפט טעסט אדער די פארמעגן טעסט, וועט די מאקסימום פרייז וואס ער אדער זי מעג באקומען זיין 100% פון די גרעסערע פון די מעדיקעיר אדער מעדיקעיד ראטע, ווי שייך, אדער די AGB (ווי געשילדערט אויבן).

*די ליקוויד פארמעגן טעסט – אינפעישאנט* ווערט אויסגערעכנט דורכן צוטיילן דעם סכום פון די פולע מעדיקעיד ראטע פארן פאציענט'ס סערוויסעס אין פאציענט'ס "ליקוויד פארמעגנס".

*די ליקוויד פארמעגן טעסט – אוטפעישאנט* ווערט אויסגערעכנט דורכן צוטיילן דעם סכום פון די פולע מעדיקעיר ראטע פארן פאציענט'ס סערוויסעס אין פאציענט'ס "ליקוויד פארמעגנס".

- **אויב דער פאציענט האט נישט קיין באדייטנדע ליקוויד פארמעגנס, דאן וועט דער סכום פון הילף פארן פאציענט זיין די הנחה פאר וועלכע דער פאציענט איז בארעכטיגט אונטער די איינקונפט טעסט.**

- ספעציעלע פארשטענדעניש קען געגעבן ווערן אויף א פאל-ביי-פאל באזיס אויב א פאציענט איז לעצטנס געווארן ארבעטסלאז אדער קען מעגליך נישט באצאלן פאר רוטינע לעבנס אויסגאבן (צ.ב. רענט, יוטיליטיס און עסנווארג) אויב דער פאציענט ווערט געפאדערט צו זעלבסט-באצאלן ביי די ראטע וואס ווערט אוועקגעשטעלט אין ביילאגעס א' אדער ב'.

  סיי וועלכע פעלער וואו ספעציעלע פארשטענדעניש ווערט פארלאנגט זאל געוואנדן ווערן צום דירעקטאר פון די פינאנציעלע קאונסלינג איינהייט אויף ‎(718) 283-7796‎. עס קען זיך פארלאנגען פונעם פאציענט צוצושטעלן דאקומענטן וועגן די אומשטענדן וועלכע פארלאנגען ספעציעלע פארשטענדעניש.

**ה. פראצעדור פאר איבערזיכט פון אפליקאציעס**

אינערהאלב 30 טעג פון ערהאלטן דעם אויסגעפולטן אפליקאציע פאר פינאנציעלע הילף און אלע פארלאנגטע דאקומענטן, וועט די פינאנציעלע סערוויסעס אפטיילונג מעלדן דעם פאציענט שריפטליך אויב די אפליקאציע פאר פינאנציעלע הילף איז געווארן באשטעטיגט אדער צוריקגעוויזן. אויב די אפליקאציע איז געווארן באשטעטיגט, וועט מען מעלדן דעם פאציענט איבער די פראצענט הנחה (צ.ב. 90% פון די גילטיגע רעכענונגען) פאר וועלכע ער אדער זי איז בארעכטיגט און געבן אן איינצלהייטליכע ערקלערונג איבער די שולדיגע סכומים. אויב די אפליקאציע איז צוריקגעוויזן געווארן, וועט די שריפטליכע מעלדונג שילדערן ווי אזוי צו אפעלירן די צוריקווייזונג און ענטהאלטן אינפארמאציע איבער ווי אזוי זיך צו פארבינדן מיט די דעפארטמענט אוו העלטה. FAP-צוריקווייזונג מעלדונגען מוזן אויך שילדערן דעם באזיס פארן צוריקווייזונג. אין פעלער וואו א פנים-צו-פנים אינטערוויו ווערט דורכגעפירט, ווערן די פאציענטן זאפארט אינפארמירט איבער די באשטעטיגונג פונעם אפליקאציע און דער סכום פון די הנחה וואס דער פאציענט וועט באקומען אדער איבער די צוריקווייזונג פון די אפליקאציע. אין אזעלכע פעלער וועט די שריפטליכע מעלדונג אויך געשיקט ווערן צום פאציענט'ס היים.

אין צוגאב, אויב ווערט דער פאציענט באשטעטיגט פאר פינאנציעלע הילף, וועט די פינאנציעלע סערוויסעס אפטיילונג דאקומענטירן די באשטימונג פון בארעכטיגונג אין די קאמענטארן חלק פונעם רעגיסטראציע סיסטעם (AHS), אריינגערעכנט די ספעציפישע גילטיגע הנחות פאר (א) אינפעישאנט סערוויסעס און (ב) אוטפעישאנט סערוויסעס, אפילו אויב נאר איין סארט סערוויס (צ.ב. אינפעישאנט סערוויסעס) פארלאנגט זיך אין די יעצטיגע באהאנדלונג פונעם פאציענט.

באשטעטיגונג פון בארעכטיגונג איז גילטיג פאר איין יאר, נאך וועלכן עס וועט זיך פאדערן ווידער אויסצורעכענען בארעכטיגונג. צוקונפטיגע ענדערונגען צו די אוועקגעשטעלטע סליידינג סקעילס וועלכע זענען אוועקגעשטעלט אין ביילאגעס א' און ב' וועלן זיין גילטיג אויף אלע נייע און יעצט קוואליפיצירנדע פאציענטן.

**ו. אינסטאלמענט צאלונג אראנדזשירונג**

אויפן פארלאנג, וועלן פאציענטן וועלכע באקומען פינאנציעלע הילף געגעבן ווערן א געלעגנהייט צו באקומען אן אינסטאלמענט צאלונג אראנדזשירונג פראצענטן פריי. די מאנאטליכע צאלונג וועט נישט זיין מער ווי 10% פונעם פאציענט'ס גראוס מאנאטליכע איינקונפט אין צוגאב צו סיי וועלכע פארמעגנס וועלכע זענען בארעכטיגט גערעכנט צו ווערן אונטער די שפיטאל'ס פארמעגנס טעסט. קיינע פראצענטן וועלן גערעכנט ווערן אויפן אומבאצאלטן באלאנס אין פאל א צאלונג ווערט פארפאסט. אין פאל פון א פארפאסטע צאלונג, וועט נישט זיין קיין שום פארשנעלערונג פון צאלונגען.

**ז. אפעלאטן**

א פאציענט האט די רעכט צו אפעלירן א באשלוס אויף בארעכטיגונג פאר פינאנציעלע הילף באזירט אויף די פאלגנדע באדינגונגען:

- אומריכטיגע אינפארמאציע איז צוגעשטעלט געווארן;
- ענדערונגען זענען פארגעקומען אינעם פאציענט'ס פינאנציעלע סטאטוס; אדער
- מאסגעבנדע אומשטענדן

דער סיניער וויצע פרעזידענט פון פינאנץ (פינאנציעלע סערוויסעס) וועט באשליסן אפעלאטן. אפעלאטן מוזן געמאכט ווערן שריפטליך (אדער פערזענליך, דורך אפוינטמענט) צום סיניער וויצע פרעזידענט פון פינאנץ (פינאנציעלע סערוויסעס) אויפ'ן פאלגענדן אדרעס:

983 48th Street
Brooklyn, NY 11219
Telephone: (718) 283-7790

דער אפעלאט מוז געמאכט ווערן אינערהאלב 30 טעג פון מעלדונג פון די בארעכטיגונג באשטימונג. דער סיניער וויצע פרעזידענט פון פינאנץ (פינאנציעלע סערוויסעס) וועט שטרעבן צו מאכן אפעלאט באשלוסן אינערהאלב 10 ביזנעס טעג פון ערהאלטן א פאציענט אפעלאט (ד.מ., נאכן ערהאלטן א בריוו אדער א פערזענליך געברענגטער אפעלאט).

**ח. באזונדערע בילינג און איינקאסירונג פאליסי**

די שריט וואס מיימאנידעס קען נעמען אין פאל פון נישט באצאלן ווערן געשילדערט אין א באזונדערע בילינג און איינקאסירונג פאליסי (55-FIN). די פאליסי איז פארהאן אויף א באשטימטע פינאנציעלע הילף בלאט אויף מיימאנידעס'ס וועבזייטל (http://www.maimonidesmed.org/main/FinancialInformation.aspx). פאפירענע קאפיעס פון די פאליסי זענען פארהאן אויפן פארלאנג און אן קיין אפצאל, דורך פאסט און ביי עפנטליכע ערטער אינעם שפיטאל, אריינגערעכנט דעם עמערדזשענסי רום, עדמישאן ערטער און ערטער פון פאציענט סערוויס.

**ט. צוטריט צו עמערדזשענסי מעדיצינישע באהאנדלונג**

עס וועט נישט זיין קיין שום דיסקרימינאציע ביים צושטעלן א מעדיצינישע סקרינינג אונטערזוכונג און נויטיגע סטאביליזירונג באהאנדלונג אנטקעגן די וועלכע זענען בארעכטיגט פאר פינאנציעלע הילף אונטער די פאליסי. מיימאנידעס שטעלט צו, אן קיין דיסקרימינאציע,

באהאנדלונג פאר עמערדזשענסי מעדיצינישע צושטאנדן פאר מענטשן, אפגעזען אויב זיי זענען בארעכטיגט פאר פינאנציעלע הילף אונטער די FAP. זעט FIN-034 EMTALA– מעדיצינישע סקרינינג אונטערזוכונג און סטאביליזאציע פאליסי.

**י. טרענירונג און ווייטערדיגע אינפארמאציע**

אלע שטאב מיטגלידער וועלכע פארקערן מיט פאציענטן אדער האבן פאראנטווארטליכקייט פאר בילינג און איינקאסירונגען וועלן ערהאלטן א קאפיע פון די פאליסי און וועלן טרענירט ווערן אויף די פאסיגע פראצעדור פאר די פינאנציעלע הילף פראגראם. שטאב מיטגלידער וועלן אויך רעגלמעסיג אינפארמירט ווערן איבער נאך הנחות אדער געלטער וועלכע קענען זיין צו באקומען דורך ספעציעלע גרענטס אדער פראגראמען באזונדער פון די אלגעמיינע פינאנציעלע הילף פראגראם. סיי וועלכע ווייטערדיגע אנפראגעס דורך שטאב מיטגלידער אויף די פאליסי זאלן געווענדן ווערן צום פארוואלטער פונעם פינאנציעלע ראטגעבונג איינהייט אויף (718) 283-7796.

איינגעשטעלטע אין מיימאנידעס און זייערע דעפענדענטס וועלן באהאנדלט ווערן לויט די ווערקגעשטעלטע מעדיקל צענטער פאליסיס (FIN-022).

**יא. אפשאצונג פון אויספאלגן דאס געזעץ**

די אפטיילונג פון אינטערנעל אודיט וועט אפשאצן דאס אויספאלגן די פינאנציעלע הילף געזעץ און די פאליסי אמווייניגסטנס יערליך. די רעזולטאטן פון אזא אודיט זאלן מיטגעטיילט ווערן מיטן SVP פון פאציענט קאנטעס, SVP, פינאנץ (פינאנציעלע סערוויסעס) און דער EVP פאר ליגעל אפעירס און קאמפלייענס אפיסער.

## IV. קאנטראלס

דער סיניער וויצע פרעזידענט פון פינאנץ (פינאנציעלע סערוויסעס), אינאיינעם מיטן A.V.P. פון עמביולעטארי העלטה סערוויסעס נעטווארק, און סיניער וויצע פרעזידענט פון פאציענט קאנטעס, וועלן רעגלמעסיג איבערקוקן פאציענט מעסטער רעקארדס און קאנטעס צו זען אויב זיי האלטן זיך צו די פינאנציעלע הילף פראטאקאל וואס ווערט אוועקגעשטעלט אין די פאליסי.

דער סיניער וויצע פרעזידענט פון פינאנץ (פינאנציעלע סערוויסעס) און פאציענט קאנטעס וועלן אנווייזן פאר די פאסיגע אפטיילונג הויפטן איבערצוקוקן די פינאנציעלע הילף פראטאקאל וואס ווערט אוועקגעשטעלט אין די פאליסי לויט ווי ענדערונגען ווערן באשטעטיגט אדער איינגעפירט דורך אויפזיכט אגענטורן.

קאוד: 028-FIN (ווידער ארויסגעגעבן)
דאטום: מאי 4, 2018

קענעט ד. גיבבס
פרעזידענט און CEO

אינדעקס רעפערענסעס:

טשאריטי קעיר, סעלף-פעי, פינאנציעלע הילף
PHL 2807-k (9 and 9-a)
טייערער אדמיניסטראטאר בריוול דאטירט פעברואר 15, 2007
פאציענט באשיצונג און עפארדעבל קעיר אקט §9007(a)
(March 23, 2010) (Adding 501(r) to IRC);
FIN-034 EMTALA – מעדיצינישע סקרינינג אונטערזוכונג און סטאביליזאציע פאליסי
029-FIN (איבערגעמאכט) אוטפעישאנט גייסטיגע געזונטהייט סערוויסעס פינאנציעלע הילף פאליסי
055-FIN - בילינג און איינקאסירונג פאליסי
טייערע אדמיניסטראטאר בריוו דאטירט נאוועמבער 15, 2013
נאך פאדערונגען פאר טשעריטעבל שפיטעלער;
קאמיוניטי געברויכן געזונטהייט אפשאצונג פאר טשעריטעבל שפיטעלער; פאדערונג פון א 4959 Excise Tax Return און צייט פארן אריינגעבן דעם ריטוירן;
Final Rule, 79 Fed. Reg. 78954 (Dec. 31, 2014).
26 C.F.R. 1.501(r)-1, 1.501(r)-4 - 1.501(r)-6

ארידזשינעיטינג אפטיילונג: לעגאלע אפטיילונג\פינאנציעלע סערוויסעס

קאוד: FIN-28
דאטום: 2018

# מיימאנידעס מעדיקל צענטער
## 2018 סליידינג סקעיל אפצאל הנחה טאוול פאר אינפעישאנט סערוויסעס באזירט אויף מעדיקעיד ראטעס
**ביילאגע א'**

**טעסט א' – איינקונפט טעסט**[1]

| פאמיליע מאס | פעדעראלע ארימקייט אנווייזונגען שטאפל I | איינקונפט רעינדזש שטאפל II | | איינקונפט רעינדזש שטאפל III | | איינקונפט רעינדזש שטאפל IV | | איינקונפט רעינדזש שטאפל V | | איינקונפט רעינדזש שטאפל VI | | איינקונפט רעינדזש שטאפל VII | | פארמעגנס טעסט מינומים ריסאורס שטאפל |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 1 | $12,140 | $12,141 | $15,175 | $15,176 | $18,210 | $18,211 | $24,280 | $24,281 | $30,350 | $30,351 | $36,420 | סומע איבן | $36,421 | $30,300 |
| 2 | $16,460 | $16,461 | $20,575 | $20,576 | $24,690 | $24,691 | $32,920 | $32,921 | $41,150 | $41,151 | $49,380 | “ | $49,381 | $44,400 |
| 3 | $20,780 | $20,781 | $25,975 | $25,976 | $31,170 | $31,171 | $41,560 | $41,561 | $51,950 | $51,951 | $62,340 | “ | $62,341 | $50,028 |
| 4 | $25,100 | $25,101 | $31,375 | $31,376 | $37,650 | $37,651 | $50,200 | $50,201 | $62,750 | $62,751 | $75,300 | “ | $75,301 | $56,550 |
| 5 | $29,420 | $29,421 | $36,775 | $36,776 | $44,130 | $44,131 | $58,840 | $58,841 | $73,550 | $73,551 | $88,260 | “ | $88,261 | $63,078 |
| 6 | $33,740 | $33,741 | $42,175 | $42,176 | $50,610 | $50,611 | $67,480 | $67,481 | $84,350 | $84,351 | $101,220 | “ | $101,221 | $69,600 |
| 7 | $38,060 | $38,061 | $47,575 | $47,576 | $57,090 | $57,091 | $76,120 | $76,121 | $95,150 | $95,151 | $114,180 | “ | $114,181 | $76,128 |
| 8 | $42,380 | $42,381 | $52,975 | $52,976 | $63,570 | $63,571 | $84,760 | $84,761 | $105,950 | $105,951 | $127,140 | “ | $127,141 | $82,650 |
| 9 | $46,700 | $46,701 | $58,375 | $58,376 | $70,050 | $70,051 | $93,400 | $93,401 | $116,750 | $116,751 | $140,100 | “ | $140,101 | $89,176 |
| 10 | $51,020 | $51,021 | $63,775 | $63,776 | $76,530 | $76,531 | $102,040 | $102,041 | $127,550 | $127,551 | $153,060 | “ | $153,061 | $95,700 |
| פאר יעדע צוגעגעבענע מענטש לייגט צו | $4,320 | $5,400 | | $6,480 | | $8,640 | | $10,800 | | $12,960 | | נישט שייך | | $6,526 |
| הנחה סומע באזירט אויף DRG מעדיקעיד (דייעגנאזיס רילעטעד גרופ) | 100% | 90% | | 80% | | 70% | | 60% | | 50% | | 0% | | |
| FPL פראצענט איבער (פעדעראלע ארימקייט שטאפל) | 100% פון FPL | 101%ביז 125% פון FPL | | 126%ביז 150% פון FPL | | 151%ביז 200% פוןFPL | | 201% ביז 250% פון FPL | | 251% ביז 300% פוןFPL | | איבער300% פון FPL | | |

**טעסט ב' – ליקוויד פארמעגנס טעסט (גילטיג בלויז אויב פאציענט האט צוויי מאל (2x) די סומע פון מעדיקעיד ערלויבטע ריסאורסעס)**

| מעדיקעיד DRG \ סך הכל פליסיגע פארמעגנס | 90% מער ווי | 80% ביז 90% | 70% ביז 79% | 60% ביז 69% | 50% ביז 59% | ב |
|---|---|---|---|---|---|---|
| הנחה סומע | 100% | 75% | 50% | 25% | 15% | 0% |
| ביישפיל: פולע מעדיקעיד ראטע איז $15,000 | $0 | $3,750 | $7,500 | $11,250 | $15,000 | |

ראטע 15,000 / פארמעגנס 30,000 = 50% פאציענט'ס פאראנטווארטליכקייט וועט זיין 85% פון $15,000 = 12,750

**אדער ווענמס FPLפולע מעדיקעיד ראטעס זענען גילטיג פאר פאציענטן וועמענס איינקונפט זענען מער ווי 300% פון די , קאסטן צו ליקוויד פארמעגנס ראטע איז 49% אדער ווייניגער.**

קאוד: FIN-28

דאטום: 2018

## מיימאנידעס מעדיקל צענטער

**2018 סליידינג סקעיל אפצאל הנחה טאוול פאר עמביולעטארי אפעראציע, קליניק, עמערדזשענסי דעפארטמענט רעפערערד עמביולעטארי און ענסילערי סערוויסעס באזירט אויף מעדיקעיר APC (עמבאלעטארי פעימענט קלאסיפיקעשאן) ראטעס**

## ביילאגע ב'

### טעסט א' – איינקונפט טעסט[2]

| פאמיליע מאס | פעדעראלע ארימקייט אנווייזונגען שטאפל I | איינקונפט רעינדזש שטאפל II | | איינקונפט רעינדזש שטאפל III | | איינקונפט רעינדזש שטאפל IV | | איינקונפט רעינדזש שטאפל V | | איינקונפט רעינדזש שטאפל VI | | איינקונפט רעינדזש שטאפל VII | | פארמערגנס טעסט מינומים ריסאורס שטאפל |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 1 | $12,140 | $12,141 | $15,175 | $15,176 | $18,210 | $18,211 | $24,280 | $24,281 | $30,350 | $30,351 | $36,420 | סומע אויבן | $36,421 | $30,300 |
| 2 | $16,460 | $16,461 | $20,575 | $20,576 | $24,690 | $24,691 | $32,920 | $32,921 | $41,150 | $41,151 | $49,380 | “ | $49,381 | $44,400 |
| 3 | $20,780 | $20,781 | $25,975 | $25,976 | $31,170 | $31,171 | $41,560 | $41,561 | $51,950 | $51,951 | $62,340 | “ | $62,341 | $50,028 |
| 4 | $25,100 | $25,101 | $31,375 | $31,376 | $37,650 | $37,651 | $50,200 | $50,201 | $62,750 | $62,751 | $75,300 | “ | $75,301 | $56,550 |
| 5 | $29,420 | $29,421 | $36,775 | $36,776 | $44,130 | $44,131 | $58,840 | $58,841 | $73,550 | $73,551 | $88,260 | “ | $88,261 | $63,078 |
| 6 | $33,740 | $33,741 | $42,175 | $42,176 | $50,610 | $50,611 | $67,480 | $67,481 | $84,350 | $84,351 | $101,220 | “ | $101,221 | $69,600 |
| 7 | $38,060 | $38,061 | $47,575 | $47,576 | $57,090 | $57,091 | $76,120 | $76,121 | $95,150 | $95,151 | $114,180 | “ | $114,181 | $76,128 |
| 8 | $42,380 | $42,381 | $52,975 | $52,976 | $63,570 | $63,571 | $84,760 | $84,761 | $105,950 | $105,951 | $127,140 | “ | $127,141 | $82,650 |
| 9 | $46,700 | $46,701 | $58,375 | $58,376 | $70,050 | $70,051 | $93,400 | $93,401 | $116,750 | $116,751 | $140,100 | “ | $140,101 | $89,176 |
| 10 | $51,020 | $51,021 | $63,775 | $63,776 | $76,530 | $76,531 | $102,040 | $102,041 | $127,550 | $127,551 | $153,060 | “ | $153,061 | $95,700 |
| פאר יעדע צוגעגעבענע מענטש לייגט צו | $4,320 | $5,400 | | $6,480 | | $8,640 | | $10,800 | | $12,960 | | נישט שייך | | $6,526 |
| הנחה סומע באזירט אויף מעדיקעיר APC ראטעס | 100% | 90% | | 80% | | 70% | | 60% | | 50% | | 0% | | |
| פראצענט איבער FPL | 100% פון FPL | 101% ביז 125% פון FPL | | 126% ביז 150% פון FPL | | 151%ביז 200% פון FPL | | 201% ביז 250% פון FPL | | 251% ביז 300% פון FPL | | איבער 300% פון FPL | | |

### טעסט ב' – פליסיגע פארמעגנס טעסט (בלויז גילטיג אויב דער פאציענט האט צוויי מאל (x2) די סומע פון מעדיקעיר ערלויבטע ריסאורסעס)

| מעדיקעיד DRG \ סך הכל פליסיגע פארמעגנס | מער ווי 90% | 80% ביז 90% | 70% ביז 79% | 60% ביז 69% | 50% ביז 59% | 0% ביז 49% |
|---|---|---|---|---|---|---|
| הנחה סומע | 100% | 90% | 80% | 70% | 60% | 0% |
| ביישפיל: עמב\סורג APC ראטע | $0 | $100 | $200 | $300 | $400 | $1,000 |

APC ראטע ריסאורסעס $\frac{15,000}{30,000}$ = 33% פאציענט בארעכטיגונג 0% דיסקאונט פאציענט פאראנטווארטליכקייט איז די פולע מעדיקעיר APC ראטע

**פולע APC (עמבאלעטארי פעימענט קלאסיפיקעשאן) מעדיקעיר ראטעס זענען גילטיג פאר פאציענטן וועמענס איינקונפט זענען מער ווי 300% פון די FPL, אדער וועמענס קאסט צו ליקווידירן פארמעגנס ראטעס איז 49% אדער ווייניגער.**